STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02318

# AKTOR

Paula Edelstein Prylucki

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּאַולאַ פּרילוצקי
(פּאַולאַ ר.)

# דראַמען.

## II

# אַקטאָר.

דראַמאַטישער עטיוד אין 1 אַקט.

„נייער פערלאג".

ווארשא. — 1913.

געדרוקט ביי א. י. האלטער, נאוואליפּיע 29.

ПАУЛЯ ПРИЛУЦКАЯ.

# „АКТЕРЪ".

## Драматическій Этюдъ.

„Новое издательство".

ВАРШАВА, 1913 г.

Набрано въ наборн. и стереот. завед. А. И. Гальтера, Новолипье 29.

Тип. Г. Пиментъ и Я. Швабе, Сѣраковская 4.
ВАРШАВА, [illegible]

## פּערזאָנען:

—o—

דער מאַן — אַנ׳אַקטאָר.

זײַן װײַב — קימפּעטאָרין.

אַקושערקע.

צװײַטער אַקטאָר.

אַקטאָרקע.

בעל־הבית — אַ קריסט.

# אַקטאָר.

(אַנ׳ענגער נומער אין אַ האָטעל. איין ווינקעל איז פאַרשטעלט מיט אַ שפּאַניש־ווענטיל. אין די זייטען שטייען קוישלאַך און רענצלאַך).

---

**אַקטאָרקע:** (שטייט אָנגעטון אין אַ הוט, אײַלענדיג זיך) כ׳בעט אײַך, געבען זי דאָ אַף איהר אַכטונג: זי איז, נעבאַך, אַזוי עלענט, זי האָט קיינעם דאָ נישט. (ס׳לאָזט זיך הערען קרעכצען פון הינטער׳ן ווענטיל) כ׳וועל שוין האָבען אַ גוטען פסק פון רעזשיסער,—כ׳האָב זיך אַרויסגעגנב׳עט אַף אַ ווײַלע: אין צווייטען און דריטען אַקט שפּיל איך נישט. ס׳האָט מיך נישט געלאָזט אײַנזיצען. דער מאַן, נעבאַך, שפּילט היינט. ער האָט מיר געזאָגט: „מײַן פרוי גייט צו קינד, און איך מוז דאָ זײַן"... ס׳איז דען דאָ אַ פינסטערער לעבען ווי אַנ׳אַקטאָרס! ... כ׳בעט אײַך, געבען זי איהר עפּעס פון דאַנען צו געניסען (גיט איהר אַוועק אַ פּעקיל), געבען זי איהר אַ ציקערקע. געלויבט איז דער השם יתברך, אַז איך בין כאָטש פטור פון אַזאָלכע מצוות ווי קינדער־האָבען. כ׳בעט אײַך, ס׳גייט עפּעס אַזוי שווער צו. פון אין דער פריה אָן?

**אַקושערקע:** אַנ׳ערשטלינג. יואָם מיינען זי, זי זאָלען מיר זואָבען אַ ליכטיג יאָר, ס׳שפּרינגט נישט אַרויס פון אַרבעל.

**אַקטאָרקע:** גוטינקע, געבען זי אַף איהר אַכטונג. זי וועלען האָבען אַ גרויסע מצוה. איהר מאַן וועט אַודאי באַלד קומען. (ס׳הערט זיך קרעכצען פון הינטער׳ן ווענטיל) אַז ס׳וועט זײַן אַ יונגעל, וועט מען דאַרפען מאַכען אַ ברית. זיי האָבען טאַקי אַף דעם! ... ער באַקומט די קלענסטע גאַזשע. ער איז אַ יאָלד,

ער קען זיך נישט אומגיין מיט די דירעקטאָרען, ער איז צו איי־דעל ... (כאַפּט זיך אָן בײַ דער באַק) מאַמינקע, זיי וועלען נישט קע־נען אָנהייבען דעם פּירטען אַקט! נו, ס'וועט שוין זײַן היימליך! (שפּרינגט אַרונטער הינטער די שירמע) מאַמינקע, טײַערע, האָט עט־וואָס גע'חלד, גאָט וועט אײַך באַלד העלפען מיט אַ יונגאַטש. אוי, וועט דאָס זײַן אַ יונגאַטש! (זינגט)

אונ אַז גאָט וועט געבען אַ קינדערלע...

כ'בעט איהן, טײַערע אַקושערקע, געבען זי אַ לטונג (לויפט אַרויס).

**אַקושערקע:** זי זאָלען מיר האָבען אַ ליכטיג יאָר...

(דאָס קרעכצען הינטער'ן וועגטיל הערט נישט אויף).

**אַקושערקע** (עפענט דאָס פּעקיל מיט ציקערקעס, שטופּט זיך אָן אַ פול מויל): קרעכצען זי! קרעכצען זי! זאָלען זי מיר האָבען אַ ליכטיג ... (אין דער טיר באַווײַזט זיך דער בעל־הבית פון האָטעל).

**בעל הבית** (קוקט זיך אַרום): קיינער נישטאָ?

**אַקושערקע** (קוים וואָס קאָן אַ וואָרט אַרויסגעבען, שטיקענדיג זיך מיט די ציקערקעס): אין טעאַטער!

**בעל הבית:** און ווער קרעכצט דאָרטען?

**אַקושערקע:** זי.

**בעל הבית:** וואָס קרעכצט זי?

**אַקושערקע:** אַז אײַער מאַמע האָט אײַך געהאַט, האָט זי אויך געקרעכצט.

**בעל הבית:** כ'וועל שפּעטער אַרײַנקומען (גייט אַרויס).

(ס'קרעכצען הערט זיך שטאַרקער).

**אַקושערקע** (גייט אַרונטער הינטער'ן וועגטיל): זי זאָלען מיר האָ־בען אַ ליכטיג יאָר, ס'ערגסטע איז מיט די ערשטלינ־גען. מ'מוז זיך אַליין צוהעלפען. קרעכצען זי, קרעכצען זי! אָט אַזוי! (העלפט איהר קרעכצען)

(ס'קומען אַרײַן דער מאַן און אַ צווייטער אַקטאָר).

**דער מאַן** (וואַרפט פון זיך אַראָפּ די פּאַלטאָ און דעם הוט,—צום קאָלעגע): זעץ דיך. (גייט אַרונטער הינטער'ן וועגטיל. ס'קרעכצען הערט נישט אויף) נאָך אַלץ נישט!...

**אַקושערקע:** זאָלען זי מיר האָבען אַ ליכטיג יאָר, עס גייט דאָס בּאַ אייך אַזוי געשווינט... אַ קינד האָבען איז נישט קיין ריב עסען.

**דער מאַן** אוי, אַ קינד צו האָבען! אַ קינד צו האָבען! כ'זאָל שוין דערלעבען עס צו זיין! (צום חבר) הערסט, דריי פערטיל בּין איך שוין אַ טאַטע—אַ טאַטע, דו הערסט?! וואָס זאָגסטו צו דעם? כ'בּין שוין, אָבער, נייגיריג צו זיין, וואָס... אַ מיידעל, צי אַ יונגעל?

**צווייטער אַקטאָר:** אונזערע זאָגען, אַז אַ יונגעל.

**דער מאַן:** אַ יונגעל... אַ יונגעל וואָלט געווען נאָך בּעסער! ווען כ'וואָלט געהאַט אַ זוהן, וואָלט איך געמאַכט פון איהם אַן'אַקטאָר. מיין זוהן מוז זיין אַן'אַקטאָר. אָבער נישט אַזעלכער, ווי מיר זענען. מיר זענען פּאַפּוגעס, מיר חזר'ן נאָר איבּער דאָס, וואָס דער סופליאָר זאָגט אונז אונטער!... (נאָך אַ פּויזע) כ'שטעל זיך פאָר, אַז ס'זענען דאָ אין דער גרויסער וועלט גרויסע קינסטלער, פאַר וועלכע עס שרייבּען גרויסע קענער... גרויסער קינסטלער הייסט בּאַ מיר אַזאַלכער, וואָס יעדע ראָלע לעבּט ער איבּער; פיהלט אַדורך די ליידען און פריידען, און זאָגט אַרויס דאָס, וואָס דער פערפאַסער האָט מיט דער פעדער נישט דערזאָגט... מענשען, וואָס קומען אין טעאַטער, דאַרפען זיין אמת'ע טרערען, און אמת'ע פרייד... אָ, מיין זוהן וועל איך לערנען צו זיין אַ קינסטלער.

(ס'הערט זיך ס'קרעכצען).

**צווייטער אַקטאָר:** מאַך בּעסער פון דיין זוהן אַ שוסטער, וועט ער כאָטש האָבען וואָס צו עסען. אַז וועסט פון איהם מאַכען אַ קינסטלער, וועט ער זיך אַזוי מוטשען, ווי דו. קיין בּרויט, קיין היים, וואַנדערן פון שטאָדט צו שטאָדט, די בּעסטע יאָרען זיך אַרומוואַלגער'ן, אויסשמעקען אַלע האָטעל-געררוכען, שלאָפען אין פרעמדע בּעטען, איינזאַפּען אין זיך פרעמדען שווייס, אָנשטעקען זיך מיט פרעמדע קרענק, — דאָס איז דאָך אונזער לעבּען, אונזער פּערספּעקטיוו! מיר האָבען דאָך קיין מאָרגען נישט... דאַמאָלס, ווען ס'ווילט זיך דיר וויינען, לאַכסטו; אַז ס'ווילט זיך דיר לאַכען, קרומסטו אויס ס'מויל צום וויינען. בּיזט הונגעריג—

קיינער ווייסט נישט. מ'איז דיך מקנא: ביזט אַ גליקליכער, שפּילסט, שפּילסט אַ קעניג! נעמסט איין מדינות, און אין דער היים וואַרפֿט מען דיך אַרויס פֿון דער דירה. אַף דער בינע זייט מען דיך אין קאָסטבאַרע קליידער, און אין דער היים וואַרט דער שוסטער אַף עטליכע גראָשען פֿאַר אַ לאַטע אַפֿ'ן שיך... דאָס איז די קונסט פֿון אַקטאָר! און דו ווילסט מאַכען פֿון דיין זוהן אַנ'אַקטאָר.

**דער מאַן:** אָט האָסטו געזאָגט אַ חכמה! ווען די קונסט וואָלט געהאַט נאָך אַזאָלכע פֿאָרשטייער, ווי דו, וואָלט זי קיינמאָל פֿון די ווינדאַלאַך נישט אַרויס! דו רעדסט וועגען עסען און נאָך אַזאָלכע נאַרישקייטען — ווי קומט דאָס צו דער קונסט? (שטאַרק) פֿאַר דער קונסט דאַרף מען פֿאַלען כּורעים! (ס'הערט זיך שטאַרקער ס'קרעכצען).

**אַקושערקע:** (קומט אַרויס פֿון הינטער'ן ווענטיל) זאָלט איהר מיר האָבען אַ ליכטיג יאָר, עטוואָס שטילער. (גייט און זעצט זיך אַף אַ בענקיל, וויל איינדרימלען).

**דער מאַן:** (שטילער) הערסט, מ'דאַרף מיט אַ ריינער נשמה, דערלייזט פֿון טעגליכע זינד, פֿאַלען כּורעים איידער מ'גייט־צו צו דער קונסט, — אַזוי ווי, להבדיל, פֿאַר גאָט. די קונסט איז דאָך דאָס איבערגעבען פֿון דעם, וואָס גאָט האָט געשענקט דעם מענשען, מיט וואָס ער האָט איהם געבענשט, גע־שטראָפֿט, געהאָלפֿען!... אַנ'אמת'ער קינסטלער איז גאָט'ס כּהן, וואָס גיט איבער מענשליכע נשמות אין ווערטער און זשעסטען. געבענשט איז דער, וואָס איז אַנ'אמת'ער כּהן פֿון דער קונסט. (ס'קרעכצען הערט זיך. דער צווייטער אַקטאָר גייט־צו צו דער אַקושערקע, וועקט זי איבער. זי גייט הינטער'ן ווענטיל).

**צווייטער אַקטאָר:** רעדסט ווי אַ משוגענער... גאָט! קונסט! פֿאַלען כּורעים פֿאַר דער קונסט!... הערסטו, דאָס זאָל עמיץ הערען פֿון אונזערע, וואָלט מען פֿון דיר גע־מאַכט אַ תּל. מ'האַלט דיך אַזוי אויך... פֿאַר אַביסעל פֿון עק, מ'לאַכט פֿון דיר: האָסט פֿאַרמעגליכע עלטערן, וואָלסט גע־קאָנט זיין בוכהאַלטער אין אַ גרויס געשעפֿט, נעמען אַ גרויסען נדן, — האָסטו אַלץ אַוועקגעוואָרפֿען און שלעפּסט זיך מיט אונז

זרום. ווען איך וואָלט געהאַט אַ רייכען טאַטען,—ברודער, וואָלט איך ניט אַזוי געקלערט ווי דו: שטאַרבען צוואַנציג מאָל אין טאָג פאַר הונגער, — ווער וואָלט מיר דאָס געהייסען! אַ גליק אַן׳אַקטאָר צו זיין! קונסט, שמונסט! ... מיין מאַמע איז געוואָרען אַן׳אַלמנה, ווען איך בין צוועלף יאָר אַלט געווען, זי האָט נישט געהאַט פון וואָס צו לעבען, האָט זי מיך אָפּגעגעבען אין אַ טיי־הויז אַריין, און אַמאָל, ווען ס׳זענען געקומען צופאָרען די אַקטאָ־רען, האָב איך זיך צו זיי צוגעטשעפּעט, און אָט בין איך געוואָ־רען אַן׳אַקטאָר...

**אַקטאָרקע:** (פאַלט אַריין) נו, ס׳קומט שוין מזל טוב?

**דער מאַן:** ניין, נאָך נישט.

**אַקטאָרקע:** נאָך אַלץ נישט? וואָס איז עפּעס אַזוי שטיל געוואָ־רען? (קוקט הינטער׳ן ווענטיל) זיי זענען דאָך בײדע איינגעשלאָפען!

**אַקושערקע:** כ׳שלאָף נישט, כ׳שלאָף נישט. (קומט אַפּער, ווישט זיך די זויגען) זי זאָלען מיר האָבען אַ ליכטיג יאָר, שרייען זי נישט אַזוי.

**אַקטאָרקע:** וואָס איז דאָס, אפשר איז נאָך נישט אַף דער צייט? אַזוי לאַנג! גאָטעניו מיינער! ... איך וואָלט שוין געשטאָרבען. (ס׳הערט זיך ס׳קרעכצען) אפשר דאַרף מען שיקען נאָך אַ דאָקטאָר?

**אַקושערקע:** כ׳בעט איהן, זאָלען זי מיר ... איך האָב שוין מער קינדער אָנגענומען, ווי זי האָבען האָר אַפ׳ן קאָפּ. מ׳דאַרף מיך נישט לערנען, כ׳ווייס וואָס איך טו. אַזוי גרויס גאָלד ווען כ׳וואָלט געהאַט, ווי גרויס יונגאַטשעס איך האָב שוין אָנגענומען, האָ, האָ!

**אַקטאָרקע:** ווײ איז מיר, ווי זי מוטשעט זיך. (נאָך אַ פויזע, צו די מענער) ברידער, וואָס זאָגט איהר, ווי דער ספּעקטאַקל איז צוגעגאַנגען? איך האָב נישט געקענט קיין וואָרט, און עפּעס ער מאַכט אַזעלכע מאָדנע סיגעס, אַז ס׳נעמט מיך פּשוט צום לאַכען. עפּעס קרומט ער זיך און, דאַכט זיך מיר, אַז ר׳וועט אָט, אָט, מיט אַן׳אמת אַרויסוויינען.

צווייטער אַקטאָר: ווען דו הערסט, וואָס ער האָט דאָ גערעדט
וואָלסטו זיך פאַר׳ן קאָפּ אָנגעכאַפּט ... כ׳וועל
שוין בעסער גאָר נישט רעדען.

אַקטאָרקע: ער האָט אַודאַי גערעדט פון קונסט, ווי געווענליך?

צווייט. אַקטאָר: אַודאַי פון קונסט. אָבער אַזוי ווי נאָך
קיינמאָל!

אַקטאָרקע (גיט דעם מאַן אַ קלאַפּ אין קאָפּ): ער איז אַ קלוגער
יונג.

צווייט. אַקטאָר: שאַ, כ׳וועל דיר זאָגען נאָך עפּעס שענערס:
ער גייט שוין מאַכען אַנ׳אַקטאָר פון זוהן,
וואָס וועט געבוירען ווערען.

אַקטאָרקע: כאַ, כאַ, כאַ! ס׳שמעקט איהם דאָס ברויט! זאָל ער
בעסער מאַכען פון׳ם קינד׳ס קינד אַנ׳אַקטאָר!
(לאַכט) פאַרשטייסט, ווי ער האַלט שוין?

דער מאַן: און דו קוועלסט, אַז דו האָסט נישט געקענט די ראָל,
און פונדעסטוועגען האָסטו באַקומען געדיכטע אַפּלאָ-
דיסמענטען!

אַקטאָרקע: כ׳לערן זיך קיינמאָל נישט די ראָל. פאַר׳ן ספּעק-
טאַקל גיב איך אַמאָל אַ קוק דורך און אַ וואונק
צום סופלער, ווייסט ער שוין, וואָס איך מיין.

דער מאַן: אַ גרויס רחמנות איז נאָר אויף די, וואָס קומען דיך
הערען.

אַקטאָרקע: מיך קומט מען זעהן, נישט הערען. און דאָך,
ווייסטו, שטיי איך בעסער, ווי איהר אַלע.
כ׳לעב גוט, כ׳קלייד זיך שיין, ס׳פעלט מיר נישט דער גראָשען.

צווייט. אַקטאָר: אַודאַי ביזטו אַ בריה. פון דער גאַזשע וואָלסטו
געקענט אַזוי לעבען, קליידען זיך, ווי מיר.
דו שפּילסט דיין ראָלע גוט, און ס׳גייט דיר...

אַקטאָרקע: ניין, כ׳וועל וואַרטען, ביז איהר וועט זיך אויף
מיר דערבאַרמען, איינער פון אייך וועט מיט מיר
חתונה האָבען, און דערנאָך, דערנאָך אַזאַ לעבען. (ווייזט אַרום
איבער דער שטוב און אויף דאָס ווענטיל) בעסער אַ לויט גליק, ווי
אַ פונט דלות!

צווייט. אַקטאָר: זי איז געֶרעכט. (לאַכט).

אַקטאָרקע: דער דירעקטאָר וואָלט אויך שיין אויסגעזיין, ווען
עֶר וואָלט מיך נישט געהאַט אין דער טרופּע. אַ
דאַנק מיר האָט עֶר אייך צו צאָלען. וועניג צי איך איהם צו
פּובליקום? ...

ביידע מענער (לאַכען): אַודאי!

אַקטאָרקע: גיי בעסער זיין, וואָס דיין ווייב מאַכט. (צו דער
אַקוּשערקע) קרוינינקע, ווען קען דאָס זיין?

אַקוּשערקע: ס'קען זיין אַמאָל נישט פריער ווי מאָרגען.

אַקטאָרקע: אַזש מאָרגען? ...

אַקוּשערקע: זאָלען זי מיר... די וויי'ען האָבען אָפּגעהערט...

אַקטאָרקע: כ'מיין אֶפשר דאָ צו בלייבען, ביז גאָט וועט העל-
פען. (נעמט אַראָפּ פון זיך דעם מאַנטעל און דעם הוט).

צווייט. אַקטאָר: זאָג מיר בעסער, אונזער ברויטגעבערין, ווי
אַזוי דו ציהסט אַריין ס'פּובליקום?

אַקטאָרקע: וואָס מיינסטו, ס'איז אַזאַ גרויסע קונץ? נאָר דיר
וועל איך עס נישט זאָגען.

דער מאַן: פרעג זיך באַ די יאָלדען, וואָס זיצען אַף די ערשטע
פלעצער, וועלען זיי דיר זאָגען.

צווייט. אַקטאָר: דאָס איז אמת, אַז דו האָסט אַ טריף גליק,
אַפילו רעצענזיעס וועגען דיר זענען אויך די
בעסטע.

אַקטאָרקע (לאַכט): זייסטו, אַ—יאָ כ'מוז זיין אַ גוטע קינסט-
לערין!? ... האָסט שוין פאַר מיר אויסגעזאָרגט.
כ'ווייס, ווי מיט רעצענזענטען אויך צו רעדען!

דער מאַן: מ'דאַרף, אָבער, קענען רעצענזיעס אויך לייענען...
צווישען די שורות.

אַקטאָרקע: נאַ דיר איהם מיט זיין פילאָזאָפיע. וואָס דאַרף
איך מיין? מ'זאָגט, אַז כ'בין דאָס ליבלינג פון
פּובליקום, כ'וויל ס'פּובליקום.

דער מאַן (רעדט נאָך): ווילט ס'פּובליקום.

אַקטאָרקע: וואָס ברומסטו אונטער דער נאָז? דו ביזט אַ גרוי-
סער אַקטאָר! אַז עֶר דאַרף אַרויסטרעטען, איז

עס פּאַר איהם עפּעס אַ גאַנצער יום־טוב, ער ווערט דיר צוקאָכט, און צוטראָגען, און מאָדנע ווילד. לויפט הין און צוריק הינטער די קוליסען, קערט אַלץ אום, שטופּט, שטויסט אַלע.

**צווייט. אַקטאָר** (לאַכט): אוי, דו נאַרישע יידענע, דו ווייסט ניט, אַז פאַר׳ן צוגיין צו דער קונסט, דאַרף מען פאַלען כּורעים...

**אַקטאָרקע:** אַזוי זאָגט ער? ווי איז צו די אויערן, וואָס הערען דאָס!

**דער מאַן:** יאָ, אַזוי זאָג איך. ווי איז צו די, וואָס באַשעפטי־גען זיך מיט דער קונסט און פאַרשטייען זי ניט.

**אַקטאָרקע:** גיי, גיי. כ׳האָב ניט ליב דיך צו הערען רע־דען וועגען אַזעלכע פוסטע מעשיות... זאָג בעסער, האָסט אָנגעגרייט אַ פּאָר רובל אַף די קימפעט? (דער מאַן לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ).

**אַקטאָרקע:** אַף דעם האָסטו ניט קיין פילאָזאָפישען ענטפער... גאָטעניו, כ׳זאָל וויסען צו בלייבען אַ מויד ביז׳ן גראָהין צאָפּ, און מיט אַנ׳אַקטאָר וואָלט איך ניט חתונה האָ־בען! ווי כ׳בין אַ יידישע טאָכטער, קיין איינם קיין רעכטס. איז ער ניט קיין שיכּור, איז ער אַ קאָרטען־שפּילער. ניט דאָס — איז יענץ! געפינט זיך שוין איינער, וואָס איז, דאַכט זיך, שוין עפּעס בעסערס, האָט ער אַנ׳אַנדער קליפּה: ער לעבט מיט פילאָזאָפיע! אָווע, טאָווע, עס איז אָך און ווי צום ווייב!

**צווייט. אַקטאָר:** שוועסטערקע, לאָז זיך ניט צו אַזוי פיל קרענקונג... סיי ווי סיי וועט קיינער פון אונזערע מיט דיר ניט חתונה האָבען.

**אַקטאָרקע:** אָ ווי! וואָס זאָגסטו? דאָס זאָל מיר שוין זיין מיין לעצט קרענקונג! פונדעסטוועגען זאָל איך היינט וועלען, האָסטו אַליין מיט מיר חתונה...

**צווייט. אַקטאָר:** אַזוי מיינסטו?...

**אַקטאָרקע:** אַזוי בין איך איבערצייגט.

**צווייט. אַקטאָר:** טאָ גיב זשע עפּעס האַנט־געלט אַף נדן!

אקטאָרקע: וואַרט זשע עטוואָס אוים. (גיט זיך אַ דריי אַף איין פוס) אַז עס וועט מיך שוין קיינער נישט ווע-לען, דאַמאָלס אפשר, אפשר...

צווייט. אַקטאָר: נאָר, שוועסטערקע, ביז צום גראָהען צאָפּ וועל איך נישט וואַרטען. פוי, אַ גראָהער צאָפּ — אַ גראָהער שכל!

אַקטאָרקע: דאַמאָלס איז טאַקי דער רעכטער שכל!

דער מאַן: אַז איינער האָט נישט קיין שכל אין דער יונג, גע-פינט ער איהם באַשטימט נישט אַף דער עלטער אויך.

אַקטאָרקע: און אַז איינער איז אין דער יונג אַ פילאָזאָף, וואָס ווערט ער אַף דער עלטער, ווייסטו? ווערט ער אַ משוגענער. (צום אַקטאָר) דו שטעלסט זיך פאָר איהם אַף דער עלטער, ווי ער וועט משוגענערהייט אַרומלויפען אין די גאַסען, און די קינדער וועלען איהם נאָכלויפען, שרייען: משוגענער, פילאָזאָף! (לאַכט) און ער וועט דרש'נן דאַמאָלס אַ קאַפּיטעל פילאָזאָפיע...

צווייט. אַקטאָר: רעד שוין נישט פאַרבלאָנדזשעטע נשמה, רעד שוין נישט אַזוי פיל.

אַקטאָרקע: ווען איך וואָלט געווען זיין ווייב, וואָלט ער באַ מיר נישט געווען אַ פילאָזאָף. זי, מישטיינסגעזאָגט, איז צו עדעל פאַר איהם.

דער מאַן: וואָס האָט איהר זיך אַזוי צורעדט וועגען מיר? רעדט בעסער פון עפּעס אַנדערש.

אַקטאָרקע (מיט אַ קאָמישען נגון): גנעדיגער הערר, צום באַ-דויערן, באַזיצען מיר נישט קיין פילאָזאָפיע.

דער מאַן: רעד בעסער, ווי ס'האָט הייַנט געשפּילט ליבערט.

אַקטאָרקע: אוי, ער האָט הייַנט געכאַפּט אפשר צען „בולבעס".

דער מאַן: איז דאָס נישט אַ חרפּה, אַזאַ אַקטאָר, ווי ער, זאָל נישט קענען זיין ראָל. אַזאַ סקאַנדאַל, פאַרלאָזען זיך אַפ'ן סופלער, דער סופלער איז איינגעשלאָפען אין דער בודקע, און ס'איז קיין וואונדער נישט, אַז מען שפּילט גאַנצע נעכט אין קאָרטען.

צווייט. אַקטאָר (רײַסט איבער): אוי, האָב איך זיך געפרייט, האָט ער היינט געהאַט אַ מפּלה! (לאַכט) ער האָט געטופּעט מיט די פיס, געברומט, געהוסט, דער כופלער זאָל איהם אונטערזאָגען. ס'האָט, אָבער, גאָר ניט געהאָלפען. ער איז געשלאָפען, ווי אַ גע'הרג'עטער. מען האָט געמוזט אַרונטער־גיין פון הינטען און געבען איהם אַ געזונטען שנעל ווייסט שוין וואו... (לאַכט) דאַמאָלס איצט האָט ער זיך אָפּגעחאַפּט און האָט אָנגעהויבען כופלירען פון סוף מאָנאָלאָג, און ליבערט האָט, נעבאַך, נאָכגעזאָגט, כאָטש ער האָט נאָך, נעבאַך, נישט געזאָגט קיין וואָרט פון אָנהייב. דאָס הויכגעשעצטע פּובליקום (לאַכט שטאַר־קער) האָט צומאָל נישט פאַרשטאַנען, וואָס ס'האָט פּאַסירט אַף דער בינע.

אַקטאָרקע (רײַסט איבער): ס'פּובליקום ווייסט אַ סך. גיב איהם אַ טענצעלע און נאָך אַ טענצעלע, און כ'איז איהם זוואויל, און ס'איז איהם „דאָסקאָנאַליע”.

דער מאַן: זאָרג זיך נישט. אַז צוויי האָבען נישט פאַרשטאַנען, האָבען צוויי און צוואַנציג פאַרשטאַנען. דאָס איז מיאוס, נידערטרעכטיג, גראָב. אַז מען קען קיין ראָלע, זיצט מען אין דער היים.

אַקטאָרקע (רייצט זיך מיט איהם): און דיר אַף צו להכעיס איז ער אַ ליבלינג פון פּובליקום. ווען מיט דיר וואָלט אַזאָלכעס פּאַסירט, וואָלט מען דיך אויסגעפייפט און אַראָפּגעוואָר־פען פון דער בינע, — און איהם איז עס אַדורך...

דער מאַן (אָפּגערייגט): אויב דאָס פּובליקום, פון ליבע צום אַקטאָר, שענקט עס איהם, דאַרף ער זיך אַליין דאָס נישט שענקען. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) אוי, איהר פאַרשטייט דאָס גאָר נישט... ווי טרויריג איז דאָס, ווי טרויריג. צו יעדערער זאַך דאַרף מען זיך ערליך און ערנסט באַציען, — אַז נישט, איז דאָס לעבען קיין לעבען נישט... (טרויריג) איז ס'לעבען קיין לעבען נישט... (שטאַרק) רעדט שוין מער נישט פון דעם. כ'בעט אייך, כ'קען דאָס נישט הערען, מיך רייגט דאָס אָף. (פאַר־טראַכט זיך) איך האָב אייך זער ליב און כ'האָס אייך; כ'בין אייך אַ טרייער פריינט — און אַ פיינט. (שטאַרק) כ'באַוואונדער אייער

חוצפה — און מיאוס מיך מיט אייך; איך בענש אייך — און שעלט אייך דערפאַר.

**אַקושערקע:** זאָלט איהר מיר... שרייט נישט אַזוי.

**אַקטאָרקע:** ער איז, נעבאַך, אינגאַנצען משוגע.

**דער מאַן:** אויב איהר זענט אַזוי גראָבהויטיג, אַז איהר זענט נישט פעהיג צו פאַרשטיין, אַז צו דער קונסט דאַרף מען זיך באַציען ריין און ערליך, טאָ קערט זיך אום צוריק צו אייערע אַלטע פראָפעסיעס, און באַפלייצט נישט דעם מזבח פון קונסט מיט שטינקענדיגע בלומען.

**אַקטאָרקע:** חכם מיינער, שפיל זשע דו בעסער, ווייז דו דיינע ווינדער, וויַיז. פלאַפלען מיט'ן מויל איז קיין קונץ נישט. פאַרוואָס האָט דיך נישט ס'פובליקום אַזוי אָנערקענט ווי איהם? פאַרוואָס ביזט דו נישט דעם פובליקום'ס ליבלינג, נאָר ער? פאַרוואָס?

**דער מאַן:** אוי, ס'פובליקום! אוי, ס'פובליקום... וואַרט, ס'וועט נאָך קומען די רעכטע צייט, — אַף אַלעם קומט זיין צייט, — ס'וועט קומען נאָך אַ צייט, ווען מ'וועט אָפפירען ערנסטע פיעסען, וועט ס'פובליקום זיך אויך ערנסטער באַציען צו דער בינע, און דאַמאָלס, דאַמאָלס וועלען אַזעלכע ליבלינגען גיין שלאָפען...

**אַקטאָרקע** (מיט פאַטאָס): און איהר, גנעדיגער הער, וועט קלויבען לאָרבער-קרענץ ווי שוואָמען, כאַ, כאַ! (לאַכט, כאַפּט איהם אַרום און דרייט זיך מיט איהם איבער'ן צימער. ער רייסט זיך אויס. ס'הערט זיך קרעכצען הינטער'ן ווענטיל. דער מאַן גייט אַרונטער).

(לאַנגע פויזע).

**בעל הבית:** גוט נ'אָוועגט!

**דער מאַן** (קומט פון הינטער'ן ווענטיל): גוט נ'אָוועגט! (טאַפּט זיך די קעשענעס).

**אַקטאָרקע:** האָסט דען געלט?

**דער מאַן:** יאָ, כ'האָב גענומען פינף רובל באַם דירעקטאָר.

**אַקטאָרקע:** נאָר פינף רובל, און דאָס גייסטו אַוועקגעבען!? וואָס וועסטו האָבען אַף די קימפעט? טראַכסט גאָר נישט וועגען דעם! דאָס וועסטו מיט פיזאָפיע נישט אָפּקומען!

דער היַיבאַם דאַרף מען באַצאָלען, אַ יאַכעל פאַר דער קימפּעטאָ־
רין דאַרף מען; ווי נאָך, אַז ס׳וועט זיַין אַ יונגאַטש, דאַרף מען
עפּעס אָנגריַיטען אַף אַ ברית... גיב איהם נישט היַינט... נאָך דער
קימפּעט וועסטו געבען.

דער מאַן: כ׳קען נישט. כ׳מוז איהם געבען די פּאָר רובל.

אַקטאָרקע (צום בעל הבית): ער האָט איצט קיין געלט נישט,
ס׳וויַיב גייט צו קינד.

בעל הבית: איך דאַרף, אָבער, האָבען געלט.

אַקטאָרקע (פריַילין): פאַניעווירט, איהר גייט אין טעאַטר?

בעל הבית: איינמאָל אין יאָר.

אַקטאָרקע: איינמאָל אין יאָר?! וואָס האָט איהר ליב? איהר
האָט ליב אַ טענצעלע?

בעל הבית: אַ טענצעלע? פאַרוואָס דען נישט!

אַקטאָרקע: פאַניע ווירט, איך שפּיל אויך אין טעאַטר. כ׳וועל
איַיך וויַיזען אַ טענצעלע; וואָס נאָר איהר ווילט,
וועל זיך איַיך וויַיזען, נאָר פאָדערט איצט נישט
קיין געלט פון איהם.

בעל הבית (לאַכט): כאַ, כאַ!

דער מאַן: מאַך זיך נישט נאַריש.

אַקטאָרקע: גיי, יאָלד איינער! איצט רעדט ער וועגען דירה־
געלט! איהר האָט שוין געזיין אַזאָלכעס? (גייט־צו
צום בעל־הבית, נעמט איהם אָן פאַר די קלאַפּעס) פאַניע ווירט, כ׳וועל
איַיך געבען אַ בילעט אין טעאַטר, איהר וועט זיין, ווי איך
שפּיל. אוי, וועט איהר לאַכען! איהר וועט אַ גאַנץ יאָר לאַכען.
איהר וועט זיין, וואָס־פאַר־אַ קאָסטיומען איך טראָג. כ׳טראָג אַ
קורץ קלייידאַלי און רויטע זעקאַלאַך...

בעל הבית: גוט, גוט (לאַכט).

אַקטאָרקע (גלעט איהם פאַר׳ן פנים, שפּרינגט אונטער): אוי, לעבען
זאָל ער, ער רעדט דאָך שוין נישט וועגען געלט!
אַ ברכה, אַנ׳הצלחה אַף דיין קעפּעלע... יאָ?

בעל הבית (זאָגט נאָך): יאָ!

אַקטאָרקע: טאָ גיי דיר שוין אין דיין רו אַריין. יאָ?

בעל הבית (זאָגט נאָך): יאָ!

דער מאַן: איהר קענט מיר יאָ צוזוואַרטען?

אַקטאָרקע: פאַרוואָס דען נישט, חכם מיינער? ער פרעגט זיך נאָך! (צום ווירט) פאַר וואָס דען נישט?

בעל הבית: כ'וועל צוזוואַרטען.

אַקטאָרקע (פאַטשט אין די הענט): לעבען זאָל ער! און אין טעאַטער וועט איהר קומען?

בעל הבית: כ'וועל קומען. דערוויילע אַדיע! (געזעגענט זיך אָפּ.—אָב). (פּויזע).

אַקטאָרקע: חכם מיינער, דו האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט צו ווייזען דעם מאָנאָלאָג, וואָס דו וועסט זאָגען אין אָוונט באַ די „תומכי עניים".

צווייטער אַקטאָר: וויפיל גיבען זיי דיר?

דער מאַן: ע... וועגען געלט האָב איך נישט גערעדט מיט זיי.

אַקטאָרקע: ער וועט רעדען וועגען געלט! ווען וועט דאָס זיין דער אָוונט?

דער מאַן: שבתצונאַכטס.

אַקטאָרקע: זאָג נאָר, קרוין, עפּעס אַלאַנגע געשיכטע איז דער מאָנאָלאָג? כ'שטעל זיך פאָר, וואָס דו וועסט דאַרטען אָנגעבען! כ'שטעל זיך פאָר, ווי דו לערנסט זיך דעם מאָנאָלאָג, אודאי פאַר'ן שפּיגעל? (קוקט אַף דער וואַנט) מישטיינסגעזאָגט, האָסט דאָך קיין שטיקעל שפּיגעל נישט! און מאַכסט אודאי דערביי אַזאַלכע סיגעס, אַז אַ פערד וואָלט פון דעם געלאַכט.

צווייט. אַקטאָר: קענסט שוין דעם מאָנאָלאָג?

דער מאַן: יאָ, כ'קען איהם.

אַקטאָר-אַקטאָרקע: (צוזאַמען) נו, זאָג איהם, זאָג איהב.

אַקטאָרקע: וואָס פאַר אַ מיימע איז דאָס, אַ פרייליכע?...

דער מאַן: ניין, נישט קיין פרייליכע.

אַקטאָרקע: דו ווייסט דען, וואָס דער משוגענער קען זאָגען? ער קען זאָגען אַזאַ מאָנאָלאָג, אַז אַלע זאָלען זיך צעהעשען. זאָג נאָר, קרוינינקע, מען וועט וויינען?!...

דער מאַן: דאָס איז אָנבעלאַנגט, ווי מ'וועט איהם זאָגען. אַז דו וועסט איהם זאָגען — וועט מען לאַכען. ווייל איהר האָט ליב צו זיין, ווי ס'פּובליקום דונערט פון געלעכטער.

איך, אַז כ'וועל איהם זאָגען, וואָלט איך געוואָלט, מ'זאָל פֿאַר־שטיין, וואָס דער מחבר האָט איבערגעלעבט, שרייבענדיג דאָס.

**אַקטאָרקע:** וועמענס איז דאָס, שמ"ר'ס?

**דער מאַן:** ניין! דאָס איז דעם ערשטען פּוילישען פּאָעט'ס, יאַן קאָכאַנאָווסקי'ס.

**אַקטאָרקע** (קרוממט זיך): יואָס פֿאַר אַ חיה איז דאָס? ווי, קאָ־כאַנאָווסקי? גאָטעניו, אַזוי ווי כ'האָב פֿון איהם נישט געהערט, אַזוי זאָל עס מיר נישט שאַדען. איך שטעל מיר פֿאָר,— אַז דו האָסט זיך אויסגעקליבען, מוז שוין זיין אַ גוטער אַנטיק!

(דאָס קרעכצען פֿון הינטער דער שירמע גייט איבער אין אַ געשריי).

**דער מאַן** (שטעלט זיך אין מיטען בינע און זאָגט): אַלע טרערען, יאָמערן און קלאָגען, אַלע זאָרגען און זיפֿצען און הענט־ברעכעניש אַף דער וועלט; אַלץ, אַלץ אַלץ דאָס אין מיין הויז קלויבט זיך שוין צוזאַמען און העלפֿט מיר וויינען נאָך מיין קינד, מיט וועלכען דער נישט ערליכער טויט האָט מיך צושיידט.

**אַקושערקע** (פֿון הינטער דער שירמע): זאָלט איהר מיר האָבען...

**אַקטאָרקע:** שטילער רעד. רעד שטילער.

**דער מאַן** (מיט בעגייסטערונג רעדט ווייטער): מיין ליבטיגע פֿרייד איז פּלוצלינג פֿאַרשטערט געוואָרען. שלעכטער טויט, האָסט מיינע אויגען געלעסטערט, צווינדענדיג זיי צו זיין מיין קינדס אויסגיין. איך האָב געזעהן, ווי דו האָסט אַראָפּגעטרייסעלט פֿון דער צווייג די נישט רייפֿע פֿרוכט, און מיין האַרץ האָט זיך געשניטען אַף שטיקער. איך וואונדער זיך שוין נישט, אַז ניאָבע איז פֿאַרשטיינערט געוואָרען, צוזייענדיג דעם טויט פֿון איהרע קינדער. (שטאַרק) קינד מיין טייערס, וואו האָסטו זיך אַהינגעטון? וואו? (וויינט) אַף וועלכע וועגען, אין וועלכע לענדער ביסטו איצט? זאָג מיר, דיין טאַטען? צו איבער אַלע הימלען הויך האָסטו זיך אָפּגעהויבען און דאָרט מיט דעם כאָר מלאָכים'לאַך זיך אויסגע־מישט? אָדער האָט דיך דער אַלטער כאַראָן איבער'ן טריבען סטיקס אין זיין שיפֿעל אַריבערגעפֿירט און מיט דעם וואַסער פֿון פֿאַרגעסונג אָנגעטרונקען. אַז דו געדענקסט שוין נישט דיין טאַטען און הערסט נישט זיין יאָמעריש געוויין? צו ביסטו גאָר אַהין געפֿלויגען ווי דו ביסט פֿריער געוועזען, איידער דו ביסט

אַהער געקומען, פאַר מיר אַקוואַל פון ברענענדיגען וויטיג צו ווערען ?...

**אַקושערקע** (פון הינטער דער שירמע): זאָלט איהר...

**דער מאַן** (ווי וואָלט נישט געהערט, רעדט ווייטער מיט עקסטאַז):

צו האָט מען דיך גענומען אין גן עדן אַריין? אָדער דו רייניגסט זיך נאָך, אויב אַף דיין קערפער'ל איז פאַרבליבען עפּיס אַ קליין שפּרענקעלע? (פּויזע. — קוקט זיך אַרום און דערמאָנט זיך, רעדט ווייטער) וואו נאָר ביסט, דערבאַרם זיך איבער מיר, טרייסט מיך! טרייסט מיך, ווי דו קענסט? באַווייז זיך פאַר מיר. באַווייז זיך פאַר מיר כאָטש אין חלום. (עס הערט זיך פון הינטער דער שירמע אַ שאַרפער געשריי) באַווייז זיך כאָטש ווי אַ שאָטען, כאָטש ווי אַ געשפּענסט...

גאָט'ס האַנט האָט מיך דערגרייכט, מיין איינציגע פרייד באַ מיר צוגענומען! איך פיל שוין קוים אין זיך די נשמה, און אויך זי וועל איך דיר, גאָט, באַלד אָפּגעבען! צו גייט אַף די זון אין פלאַמען, צו פאַרגייט די זון אין גינגאָלד, אוי, מיר אַלצאַיינס טוט דאָס האַרץ ווי. (פון הינטער דער שירמע באַווייזט זיך די אַקושערקע! גייט=צו צום מאַן און זאָגט איהם שטיל: „דיין ווייב האָט געבוירען אַ טויט קינד". — דער מאַן ווי וואָלט נישט געהערט, רעדט ווייטער) שרעקליך האָסטו מיך, גאָט, געפּריווט, האָסט מיין קינד מיר אַרויסגעריסען, ווי אַ שטורם רייסט אויס אַ בלום, איידער עס איז נאָך אַף איהר דער הערבסט געקומען...

**אַקושערקע**: וואָס, איהר הערט גאָר נישט: אַ טויט קינד.

**אַקטאָרקע=אַקטאָר**: אוי וויי, אַ טויט קינד! גאָט איז מיט דיר. דיין ווייב האָט געבוירען אַ טויט קינד.

**דער מאַן** (ווי פון אַ חלום): יאָ, אַודאַי, דער פאָטער באַוויינט זיין קינד, וואָס עס איז פלוצים געשטאָרבען.

**אַקטאָרקע=אַקטאָר**: דיין ווייב האָט געבוירען אַ טויט קינד! גיי זיין. (שטופען איהם צו דער שירמע).

**דער מאַן** (פאַרוואונדערט): מיין ווייב האָט געבוירען אַ טויט קינד?! אוי, ווי איז מיר! (לויפט אַרונטער הינטער דער שירמע).

(פאָרהאַנג).

# „נייער פערלאַג"

עם זענען אַרויס פון דרוק נייע ביכער:

## נח פרילוצקי׳ס זאַמעלביכער

פאַר יודישען פאָלקלאָר, פילאָלאָגיע
און קולטורגעשיכטע.

### I באַנד.

**אינהאַלט:** 1) פאָרוואָרט. — 2) יידישע שפּריכווערטער, גלייכווערטלעך, רעדענסאַרטען און צונגע-מענישען וועגען לענדער, געגענדען, שטעדט און שטעט-לעך, געזאַמעלט און דערקלערט פון **נח פרילוצקי** און **שמואל לעהמאַן** (1061 נומערן). — 3) נאָכוואָרט, פון **נח פרילוצקי**. — 4) פורים-שפּילען, פון נח פרילוצקי׳ס זאַמלונגען: „גלית-הפלשתי" (3 נסחאות). — 5) יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע: א) „דיאַ-לעקטאָלאָגישע באַמערקונגען", פון **מ. וויינגער**; ב) „דיאַ-לעקטאָלאָגישער פענאָמען", פון **נח פרילוצקי**. — 6) Misce-llanea: א) „מענדעלי-מוכר-ספרים׳ס אַ פאַרגעסענע ליטעראַרי-שע אַרבעט", — ביבליאָגראַפישער נאָטיץ פון **נח פרילוצקי**; — ב) „צו דער געש. פון ייד. טעאַטער אין וואַרשאַ", פון **נח פרילוצקי**; — ג) אַ כרוז פון וואַרש. יוד. שפּיטאָל פון פאַר 90 יאָר צוריק. — 7) פאָלעמיק: „אַ תשובה איינעם אַ רע-צענזעט", פון **נח פרילוצקי**. — 180 זייטען. שען געדרוקט.

**פרייז 85 קאָפּ.**

---

## פאַולאַ פרילוצקי (פאַולאַ ר.)

## „ירושה" („מאַטעל דער שוסטער")

אַ דראַמע אין 4 אַקטען. פרייז 35 קאָפּ.

הויפּטפערקויף: בוכהאַנדלונג פון **א. גיטלין**.

**Варшава, Налевки Ив. Базаръ № 1.**

פּרייז 10 קאָפּ.


הויפּט=פֿערקויף

בּוכהאנדלונג-פערלאג א. גיטלין, ווארשא, נאלעווקי,
איוואַנאָווסקי בּאַזאַר.

Книжн. магаз. Э. ГИТЛИНА, Варшава, Налевки,
Ивановскій Базаръ.

Księgarnia E. GITLINA, Warszawa, Nalewki, Iwanow. Bazar.